**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/5/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט איבער 1 מיליאן דאלער הויזגעזינדער איינגעשריבן אין פעדעראלע צוגענגליכע אינטערנעט-באהעפטונג פראגראם**

***פעדעראלער פראגראם באהעפט נידעריגע-איינקונפט הויזגעזינדער אין ניו יארק מיט איבער 360 מיליאן דאלער אין יערליכע סובסידיעס צו פארברייטערן צוטריט צו צוגענגליכע בראודבענד אינטערנעט***

***ניו יארק פירט דעם לאנד אין פראצענט בארעכטיגטע הויזגעזינדער איינגעשריבן נאך מולטי-אגענטורישער באקאנט-מאכונג ארבער***

***מעלדט אויך אויס באשטימונג פון נייע 'קאָנעקט-אָל' דירעקטאר אויפצוזען גאנץ-סטעיט'יגע אונטערנעמונג צו הייבן ניו יארק'ס דיגיטאלע אינפראסטרוקטור***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן אז איין מיליאן קוואליפיצירנדע ניו יארקער הויזגעזינדער האבן זיך איינגעשריבן אין דעם פעדעראלער [צוגענגליכע אינטערנעט-באהעפטונג פראגראם](), א גאנץ-לאנדישע סובסידיע צו פארברייטערן בראודבענד אינטערנעט צוטריט צו נידעריגע-איינקונפט הויזגעזינדער. פריער דאס יאר האט דער גאווערנער אנגעהויבן א מולטי-אגענטור פארבינדונג אונטערנעמונג צו בויען באוואוסטזיניגקייט איבער דעם פראגראם און מוטיגן בארעכטיגטע הויזגעזינדער זיך איינצושרייבן. דער פעדעראלער פראגראם גיבט הנחות אויף ביז 30 דאלער א חודש פאר אינטערנעט סערוויס פאר בארעכטיגטע נידעריגע-איינקונפט הויזגעזינדער. נאך אינפארמאציע איבער ACP, אריינגערעכנט איינשרייבונג אינפארמאציע, איז צו באקומען [דא]().

"די פאנדעמיע האט אונז געוויזן אז, מיט אזויפיל הויזגעזינדער אנגעוויזן אויפ'ן אינטערנעט פאר ארבעט, בילדונג און רעגירונג סערוויסעס, דארפן ניו יארקער צוטריט צו צוגענגליכע, פארלעסליכע בראודבענד אינטערנעט," **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** "אדאנק דעם פעדעראלן צוגענגליכער אינטערנעט-באהעפטונג פראגראם און א מולטי-אגענטורישע באקאנט-מאכונג אונטערנעמונג אין ניו יארק סטעיט, באהעפטן מיר מער בארעכטיגטע הויזגעזינדער צו בראודבענד אינטערנעט סובסידיעס ווי סיי וואו אין דעם לאנד. מיין אדמיניסטראציע בלייבט אנטשלאסן צו פארברייטערן צוגענגליכע בראודבענד אינטערנעט, אריינגערעכנט דורך אונזער 1-ביליאן-דאלערדיגע 'קאָנעקט-אָל' אונטערנעמונג און העלפן בארעכטיגטע ניו יארקער זיך איינצושרייבן אין דעם וויכטיגן פעדעראלן פראגראם."

מיט דעם גרייכפונקט עררייכערט, איז ניו יארק איינע פון די פירנדע סטעיטס אין דעם לאנד פאר ACP איינשרייבונג מיט 30 פראצענט פון בארעכטיגטע הויזגעזינדער יעצט אויסניצנדיג דעם פעדעראלן בענעפיט. בארעכטיגטע ניו יארקער הויזגעזינדער באקומען יעצט איבער 360 מיליאן דאלער אין יערליכע סובסידיעס.

דער מולטי-אגענטורישער, פילפאכיגער באקאנט-מאכונג אונטערנעמונג אנגעפירט דורכ׳ן ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ זעצט פאר ווייטער צו העכערן די צאל בארעכטיגטע מענטשן וואס ווערט טעגליך איינגעשריבן. DPS און איר צוזאמארבעט אגענטורן האבן קאארדינירט מיט קאמיוניטי גרופעס, ארבעט גרופּעס, און סטעיט אסאסיעשענס איבער׳ן סטעיט, מיט דער גאווערנער׳ס ׳קאָנעקט-אָל׳ איניציאטיוו צו העכערן די צאל איינגעשריבענע צווישן בארעכטיגטע ניו יארקער.

די בראודבענד פארבינדונג איניציאטיוו און באמיאונגען רעכענען אריין:

- **דער אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף** זעצט פאר ווייטער אנצווייזן פאר סאָושעל סערוויסעס אגענטורן מיטצוטיילן ערקלערנדע מאטעריאלן מיט קליענטן און קאנטראקטירטע סערוויס פראוויידערס און פארעפנטליכע באקאנט-מאכונג אויף אירע סאושעל מידיע וועבזייטלעך.
- **דער אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס** זעצט פאר ווייטער ארייננצורעכענען ACP אין נייעס-בלעטלעך, און עס הייבט ארויס די בראודבענד סובסידיע דורך סאושעל מידיע און ארטיגע דעפּארטמענטס פון סאציעלע סערוויסעס, טשיילד-קעיר פראוויידערס און לייסענס-געבער, אויפצי אויפפאסונג און וואלונטירער אגענטורן, קאמיוניטי מולטי-סערוויסעס אפיסעס, דער גאנץ-סטעיט׳יגע צוזאמארבעט פאר הויזגעזינדער פון יוגנטליכע-יוסטיץ-פארמישטע יונגווארג, אוועקגעלאפענע און היימלאזע יוגנט שוץ-ארט אפערירער און שטוב-געוואלדפארברעכנס שוץ-ארט אפערירער.
- **דער דעפּארטמענט פון מאטאר וויהיקלס** פירט אן ווייטער א סאָושעל מידיע רעקלאמירונג קאמפיין, בראודקעסט׳ען א פובליק סערוויס ווידעאו אויף סקרינס אין סטעיט-אנגעפירטע DMV אפיסעס אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און אלבאני, וועסטשעסטער, ראַקלענד און אָנאָנדאַגאַ קאונטיס, ווי אויך שיקן דורך די פאסט אומגעפער פינף מיליאן אינפארמאציע ביילאגעס דורכאויס דעם יאר ווען קליענטן באקומען זייערע דרייווערס לייסענסער.
- **אפיס פאר פארעלטערנדע** ארבעט אינאיינעם מיט DPS צו פארזארגן מאטעריאלן צו 59 קאונטי אפיסעס פאר פארעלטערנדע׳ס זיצונגען, פיקניקס, געזונטהייט פעירס, מושב זקנים׳ער, סאציעלע ערוואקסענע בייטאג אויפפאסונג און נאטורליך געשאפענע רעטייערמענט קאמיוניטיס. אויך האט עס אויסגעטיילט א טרענירונג רעקארדינג צו איבער 1,200 קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און געשאפן און ארויסגעגעבן א פובליק סערוויס מעלדונג, עלעקטראנישע נייעס-בלעטל און סאָושעל מידיע.
- **דיגיטאלע יושר ארבעט גרופּע (DEWG)** איז אן ארבעט גרופע אנגעפירט דורך ניו יארק סטעיט עדיוקעשען דעפּארטמענט׳ס סטעיט לייברערי וואס הייבט ארויס פראיעקטן צו העכערן דיגיטאלע ארייננעמיגקייט ביים סטעיט און ארטיגן שטאפּל.
- **׳עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט׳** טיילט מיט אינפארמאציע איבער ACP דורך די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונגס קאונסילס, דער ניו יארק סטעיט אסאסיעשען פון קאונטיס, דער אסאסיעשען פון טאונס, ארטיגע דיגיטאלע יושר קאאליציעס, און ׳קאָנעקט-אָל׳ס׳ רשימה פון אינטערנעט סערוויס פראוויידערס.

**דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס CEO ראָרי עם. קריסטיען האט געזאגט,** ״אלס טייל פון אונזער שתדלנות ארבעט אויף צו ברענגען בראודבענד אינטערנעט צו אלע הויזגעזינדער אין ניו יארק, מאכן מיר א באדייטנדע אינוועסטירונג אין מאכן שמעלער דעם דיגיטאלן צווישנשייד צווישן אונזערע בירגער וואס האלט שוין פון לאנג אן.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ קאמיסיאנערין, פרעזידענטקע און CEO האָפּ נייט האט געזאגט,** ״די קאוויד-19 פאנדעמיע האט אויפגעוויזן אז שנעלע אינטערנעט באהעפטונג איז מער נישט קיין לוקסוס; עס איז א נויטיגקייט. בראודבענד אינטערנעט איז העכסט-נייטיג פאר ניו יארקער צו קענען גיין אין סקול, ארבעטן פונדערווייטנס, טרעפן א דזשאב, אנהייבן א ביזנעס, האבן צוטריט צו העלטקעיר און זיך האלט בקשר מיט נאענטע. פארבעסערן צוגענגליכקייט איז א העכסט-נייטיג באשטאנדטייל פון גאווערנער האוקול׳ס ׳קאָנעקט-אָל׳ איניציאטיוו, פארזיכערנדיג אז מיר האבן אלע צוגענגליכע און צוטריטליכע בראודבענד אינטערנעט און שטעלנדיג דעם יסוד פאר ניו יארק צו קענען ווייטער פירן די דיגיטאלע עקאנאמיע.״

**סענאטאר טשאָק שומער האט געזאגט,** ״די קאָוויד-19 פאנדעמיע שיינט א שארפן ליכט אויף וויאזוי דער דיגיטאלער צווישנשייד אפעקטירט אונזער מערסט עמפינדליכע קאמיוניטיס אין רורעל און אויסער׳ן-שטאטישע געגנטער לענגאויס ניו יארק. צוטריט צו צוגענגליכע און פארלעסליכע אינטערנעט סערוויס איז העכסט-נייטיג אין די היינטיגע מאדערנע עקאנאמיע, און עס איז צוליב דעם וואס איך האב געקעמפט אריינצורעכענען א היסטארישע אינוועסטירונגצו פארברייטערן הויי-ספיעד אינטערנעט צוטריט און שאפן דעם קביעות׳דיגן פעדעראלן ׳צוגענגליכע באהאפטנקייט פראגראם׳ אין דעם בייפארטיזאנער אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ, וואס בויט אויף דעם עמערדזשענסי בראודבענד בענעפיט פראגראם וואס איך האב געשאפן אין דעם ׳אַמעריקען רעסקיו פלען׳, ענדליך צו פארערכטן דעם אונטערשייד. אצינד, אדאנק די פעדעראלע אינוועסטירונגען וואס איך האב געהאלפן צושטעלן, און די פעסטגעהאלטענע שתדלנות פון גאווערנער האוקול, האבן איבער א מיליאן פאמיליעס לענגאויס ניו יארק באקומען א שטיצע דורך דעם פראגראם, פארזיכערנדיג דערמיט אז קענען בלייבן באהאפטן ביז ווייט אינעם צוקונפט.״

**סענאטארקע קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** ״בשעת מיר זעצן פאר ווייטער צו ארבעטן און שטודירן פונדערווייטנס, איז הויי-ספיעד אינטערנעט צוטריט מער נישט קיין לוקסוס — עס איז א נויטיגקייט. איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט פאר פעדעראלע פינאנצירונג צו מאכן בראודבענד אינטערנעט מער צוגענגליך און צוטריטליך פאר ניו יארקער פאמיליעס און איך מוטיג יעדן איינעם וואס נייטיגט זיך אין אינטערנעט סערוויס נאכצוקוקן צי זיי זענען בארעכטיגט פאר דעם ׳צוגענגליכע באהאפטנקייט פראגראם׳ און זיך ווענדן אויב זענען זיי ראוי דערפאר.״

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** ״צוטריט צו הויכע-קוואליטעט, צוגענגליכע אינטערנעט איז א הצטרכות — א פונקט וואס איז מיט א שפע קלאר געווארן בשעת ארבעטער, סטודענטן און ביזנעסער זענען געווען אנגעוויזן אויף ווירטועלע באהעפטונגען דורכאויס דער פאנדעמיע. דער ׳צוגענגליכע באהאפטנקייט פראגראם׳ איז איינע פון עטליכע מאסנאמען וואס קאנגרעס האט אריינגערעכנט אין דעם פעדעראלן בייפארטיזאנער אינפראסטרוקטור געזעץ צו העלפן בויען א שטערקערער און מער יושר׳דיגער בראודבענד אינטערנעט נעטוואָרק. מיר זענען דערהייטערט צו זען, אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, פירט ניו יארק דעם וועג אין באהעפטן בארעכטיגטע איינוואוינער צו דעם פראגראם, שניידן הוצאות פאר קאָנסומערס און נאך אלעם באהעפטן ניו יארקער צו א וועלט פון מעגליכקייטן.״

**קאנגרעספרוי איוועט די. קלארק האט געזאגט,** ״אין ניו יארק און לענגאויס אמעריקע אין 21׳סטן יארהונדערט איז בראודבענד אינטערנעט געווארן טיף איינגעווארצלט און אינערליך פארבינדן מיט אונזערע טאג-טעגליכע לעבנס. פון זיך שאפן אן עדיוקעשען, ביז אויסזוכן דזשאב געלעגנהייטן, ביז פשוט זיך האלטן אין פארבינדונג מיט אונזערע נאענטע, איז סטאבילע און צוגענגליכע אינטערנעט געניי וואס ערמעגליכט אונזער אנטיילנעמען אין מאדערנער געזעלשאפט. און צוליב דעם בין איך גאר שטארק דאנקבאר פאר׳ן ׳צוגענגליכע באהאפטנקייט פראגראם׳. גאווערנער האוקול׳ס לעצטנסדיגע מעלדונג איבער איר איניציאטיוו׳ס מערקווירדיגע גרייכפונקט איז נישט בלויז א ראיה אויף דעם פראגראם׳ס ווירקזאמקייט, נאר עס געבט אויך האפענונג אז ווייטערדיגע הצלחות עקזיסטירן אויף די האריזאנטן.

וואס מער, עס מאכט אונזער טרוים פון אן אוניווערסאל און יושר׳דיג באהאפטענע ניו יארק א ווירקליכקייט. איך קוק ארויס צו ארבעטן אינאייינעם מיט׳ן האוקול אדמיניסטראציע אין די קומענדע יארן עס צו מאכן אן אויסדרוקליכע ווירקליכקייט.״

**קאנגרעסמאן פאול טאנקא האט געזאגט,** ״בראודבענד אינטערנעט צוטריט איז א העכסט-נייטיגע הילפס-מיטל אין היינטיגע צייטן, וואס ווערט געניצט יעדן איינציגן טאג צו באהעפטן מענטשן צו דזשאבס, קלאס צימערן, העלטקעיר סערוויסעס, און איינער צום אנדערן. ליידער, האלטן עקאנאמישע צוימען און צוטריט חסרונות צוריקהאלטן פון באקומען הויכע קוואליטעט סערוויס. איך בין שטאלץ פון די ארבעט וואס מיר האבן עררייכט ביים פעדעראלן שטאפל צו פארברייטערן אינטערנעט, פון איינפירן מיין ACCESS BROADBAND אקט אויף צו ליפערן הויפט בראודבענד הילפס-מיטלען אין אונזער ׳אמעריקאנער רעטונגס פלאן׳ און ׳בייפארטיזאנער אינפראסטרוקטור געזעץ׳. איך וועל ווייטער ארבעטן צו פארזיכערן אז אלע אמעריקאנער באקומען פארלעסליכע, צוגענגליכע אינטערנעט צוטריט.״

**קאנגרעסמאן גרעיס מענג האט געזאגט,** ״האבן געהאלפן שאפן דעם ׳צוגענגליכע באהאפטנקייט פראגראם׳, בין איך דערהייטערט אויסצוגעפונען אז 1 מיליאן ניו יארקער פאמיליעס האבן זיך איינגעשריבן דערין. בראודבענד אינטערנעט צוטריט, צוגענגליכקייט און דיגיטאלע באקאנטשאפט מוזן אדרעסירט ווערן פאר די מיליאנען אמעריקאנער וועלכע מוטשען זיך נאך צו בלייבן באהאפטן אין דעם 21׳סטן יארהונדערט. דער דיגיטאלער אונטערשייד האט עקזיסטירט בעפאר דער פאנדעמיע, און עס איז ערגער געווארן במשך די פארלאפענע צוויי יאר. אלס איינע פון די הויפט ארכיטעקטן פון דעם FCC׳ס עמערדזשענסי באהאפטנקייט פאנד וואס האט באהאפטן איבער 13 מיליאן סטודענטן, בין איך אנטשלאסן זיכער צו מאכן אז מיר ענדיגן דעם דיגיטאלן צווישנשייד אין ניו יארק און דעם לאנד. פריער דאס יאר האב איך געברענגט פארזיצערין דזשעסיקע ראזענוואָרסעל צו רעדן איבער דעם פראבלעם מיט סטודענטן אין מיין דיסטריקט און אדרעסירן וויאזוי מיר קענען פארמאכן דעם דיגיטאלן צווישנשייד. עס איז גאר גוט צו זען ווי פאמיליעס לענגאויס דעם סטעיט הייבן אן צו ניצן דעם ׳צוגענגליכע באהאפטנקייט פראגראם׳, און איך קוק ארויס פארצוזעצן ווייטער דעם קאמף פאר דעם צוועק און פארזארגט ווייטערדיגע הילף פאר נויטבאדערפטיגע פאמיליעס.״

**קאנגרעסמאן דזשאו מארעל האט געזאגט,** ״אינטערנעט צוטריט איז מער נישט קיין לוקסוס — עס איז א נייטיגקייט פארלאנגט אויף אנטיילצונעמען אין מאדערנער געזעלשאפט, איבערהויפט אויף די שפורן פון דער פאנדעמיע. איך שטאלציר מיך צו האבן געהאלפן ליפערן פעדעראלע פינאנצירונג פאר׳ן ׳צוגענגליכע באהאפטנקייט פראגראם׳, און איך מוטיג יעדן איינעם וואס איז בארעכטיגט דערפאר אויסצוניצן דעם בענעפיט. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האוקול פאר׳ן דאס מאכן א הויפט ציל, און איך קוק ארויס צו ארבעטן אינאייינעם אויף צו פארמאכן דעם דיגיטאלן צווישנשייד און פארזיכערן אז די אינטערנעט איז צוגענגליך און צוטריטליך פאר אלע ניו יארקער.״

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באומען האט געזאגט,** ״מיר האבן שוין א לאנגיעריגע פראבלעם מיט דעם אז צוטריט צו נייטיגע, עיקר׳דיגע סערוויסעס זענען ווייט איבערגעוואויגן דורכ׳ן נויט דערפאר, און דאס רעכנט אריין הויכע קוואליטעט, צוגענגליכע בראודבענד אינטערנעט צוטריט. די פארשריט געמאכט דורך גאווערנער האוקול צו פארברייטערן ארויסזוך-באמיאונגען, און דאס פארזיכערן אז מער ניו יארקער געניסן פון דעם ׳צוגענגליכע באהאפטנקייט פראגראם׳ איז קריטיש-וויכטיג. היינטיגע צייטן איז בראודבענד אינטערנעט צוטריט איז נייטיג פאר ארבעט, סקול, טעלעהעלט און צאלן בילס אדער זיך ווענדן פארר הילף און רעסאָרסן. דער דיגיטאלער צווישנשייד איז ברייט פארשפרייט אין קאמיוניטיס און שטובער לענגאויס ניו יארק, און דער פראגראם העלפט אונז בעסער פארמאכן דעם חסרון, אבער אונזער ארבעט איז נישט פארטיג ביז יעדער האט צוטריט צו הויכע קוואליטעט בראודבענד אינטערנעט, וואס איז אן 21׳סטע יארהונדערטיגע יוטיליטי. אין מיין ערשטן יאר אין קאנגרעס האב איך פארגעשטעלט דעם ׳בראודבענד יוסטיץ אקט׳ אויף צו שטיצן די ארבעט פון אנווייערן געביידעס, הילף און אנדערע

איינוואוינער שטיצע נייטיג אויף צו אינסטאלירן און אויסניצן הויכע קוואליטעט בראודבענד אינטערנעט. איך שטאלציר מיך צו שטיצן דער איניציאטיוו, און איך וועל ווייטער ארבעטן צו מאכן בראודבענד און טעכנאלאגיע באדייטנספול צוגענגליך פאר יעדן ניו יארקער און קאמיוניטיס ארום דעם לאנד.״

**קאנגרעסמאן ריטשי טאררעס האט געזאגט,** ״צוטריט צום אינטערנעט איז מער נישט קיין לוקסוס נאר א הצטרכות פאר יעדן. אן צוטריט צו פארלעסליכע אינטערנעט, איז נישט דא קיין צוטריט צו רעמאָוט שטודירן, אנליין באנקירונג, און טעלעהעלט און פיל מער. באהעפטן נידעריגע-איינקונפט קאמיוניטיס צו בראודבענד וועט העלפן שאפן א בריק איבער דעם דיגיטאלן אונטערשייד וואס האט אזויפיל איבערגעלאזט פון הינטן. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האוקול און די סארטן פעדעראלע פראגראמען וועלכע שטעלן צו פאר איבער 1 מיליאן פאמיליעס מיט צוגענגליכע באהאפטנקייט צו נייטיגע סערוויסעס.״

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** ״עס איז אויסדרוקליך נישט אויסצוהאלטן אז אין 2022, האט נישט יעדע ניו יארקער צוטריט צו צוגענגליכע און צוטריטליכע בראודבענד. די צוזאמארבעט צווישן ניו יארק סטעיט און דער פעדעראלער רעגירונג העלפט אפשאפן יענע מניעות דורך אראפברענגען די קאסטן פון אינטערנעט סערוויס פאר נידעריגע-איינקונפט פאמיליעס. איך שטאלציר מיך אז מיר האבן שוין איינגעשריבן 1 מיליאן פאמיליעס אין דעם פראגראם, און איך קוק ארויס פארצוזעצן ווייטער צו ארבעטן מיט אונזער צוזאמארבעטער ביים סטעיט שטאפל צו פארזיכערן אז אלע בארעכטיגטע ניו יארקער באטייליגן זיך.״

גאווערנער האוקול האט אויך אויסגעמאלדן דאס באשטימען דזשאשוע ברייטבארט אלס דעם נייעם דירעקטאר פון דעם ׳קאָנעקט-אָל׳ אפיס, פלאצירט אינערהאלב ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳. אלס דירעקטאר פון ׳קאָנעקט-אָל׳, וועט דזשאשוע אויפזען די טראנספארמאטיווע 1-ביליאן-דאלערדיגע אינוועסטירונג אויף אונטערצוהייבן ניו יארק׳ס קאמיוניטיס און דיגיטאלע אינפראסטראקטור אויסגעמאלדן דורך גאווערנער האוקול אין יאנואר אלס טייל פון איר סטעיט אָוו דע סטעיט רעדע.

דזשאשוע ברייטבארט איז דער סיניאר וויצע פרעזידענט פון ׳קאָנעקט-אָל׳ ביי ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳. אין יענע ראלע דינט ער אלס דירעקטאר פון דער דיוויזיע פון בראודבענד צוטריט ביי ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, אויפזעענדיג דעם גאנץ-סטעיט׳יגן דיגיטאלע יושר פלאן און אדמיניסטרירן איבער 1 ביליאנען אין פובליק אינוועסטירונגען לענגאויס דעם סטעיט. דזשאשוע ברייטבארט איז א געוועזענער געהילף הויפט טעכנאלאגיע באאמטער פאר ניו יארק סיטי. ער האט אנגעפירט דאס אנטוויקלען דער שטאט׳ס ערשטע ברייט-ארומנעמנדע בראודבענד סטראטעגיע, וואס איז ערפאלגרייך געווארן אויספראבירט דורכאויס דער קאָוויד פאנדעמיע און געשאפן א מעיארישע פארשפרעכונג פון איבער 150 מיליאן דאלער, די גרעסטע מוניציפאלע באשטימונג פאר בראודבענד אינפראסטרוקטור פון סיי וועלכע אמעריקאנער שטאט.

**דירעקטאר פון דיוויזיע פון בראודבענד צוטריט ביי ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ דזשאשוע ברייטבארט האט געזאגט,** ״עס איז מיר א כבוד צו סערווירן ניו יארקער אין דעם קריטישן מאמענט אין דאס פינאנצירן און ארויסשטעלן יושר׳דיגע בראודבענד. אונזער אנגייענדע פארבינדונג מיט ׳צוגענגליכע באהאפטנקייט פראגראם׳ איינגעשריבענע איז גאר א גוטע ביישפיל איבער וויאזוי א צוזאמארבעט צווישן פעדעראלע פראגראמען, סטעיט אגענטורן, פריוואטע אינדוסטריע און ארטיגע צוזאמארבעטער קענען ארבעטן אינאיינעם צו טראנספארמירן דיגיטאלע אינפראסטרוקטור לענגאויס דעם סטעיט אין די בעפארשטייענדע יארן.״

דער ׳קאָנעקט-אָל׳ איניציאטיוו צילט אויף צו פארזיכערן צוטריטליכע, צוגענגליכע און פארלעסליכע בראודבענד פאר אלע ניו יארקער, און אז ניו יארק וועט פירן די 21'סטע-יארהונדערטיגע באהאפטענע

עקאנאמיע. אין צוגאב צום פארברייטערן צוטריט און רעדוציר ן קאסטן פאר קאנסומערס דורך קאפיטאל אינוועסטירונגען, טוט גאווערנער האוקול'ס פיאנערנדער 'קאָנעקט-אָל' איניציאטיוו צילן צו פארזיכערן אז יעדע בארעכטיגטע ניו יארקער נעמט אנטייל אין דעם 'צוגענגליכע בּאהאפטנקייט פראגראם' און איז אויסגעריכט מיט די אינפארמאציע און שטיצע וואס זענען נייטיג אויף זיך איינצושרייבן.

בראודבענד אינטערנעט קאסט אפ פאר ניו יארקער איבער 60 דאלער א חודש אין דורכשניט. א באריכט פון דעם דעפארטמענט פון פובליק סערוויס ווייזט אז קאונטיס מיט נידעריגערע הויזגעזינד פארדינסטן שטייען אויס די העכסטע פרייזן פאר סערוויס און האבן די קלענסטע אויסוואל. אין צוגאב צו די 30 דאלער הילף חודשליך, קענען פינאנציעל-בארעכטיגטע הויזגעזינדער אויך באקומען אן איינמאליגע הנחה אויף ביז 100 דאלער צו קויפן א לעפּטאַפּ אדער דעסקטאפ קאמפיוטער אדער א טאבלעט פון אנטיילנעמנדע פירמעס אויב דער קאנסומער לייגט אליין צו איבער 10 דאלער און אונטער 50 דאלער פאר'ן איינקויף פרייז.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418